# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

גיליון כ' חג הסוכות - שמחת תורה תש"פ


## די נענועים און הקפות מיט די ד' מינים

ס'איז ידוע אז מיט די לולב שאקלט מען אויף אלע פיר זייטן, אלע ווייסן אז דאס איז דעם ענין פון שמחה, אזוי ווי אין תורה ווערט מבואר דארט איז די "ושמחתם לפני ה' אלקיכם" (ויקרא כג, מ) איינע פון די זאכן, איז דער כוח פון די ד' מינים.

### נענועים און הקפות

און ס'פרעגט זיך נאך מער א שאלה, וואס איז דאס די נענועים? וואס טועהט מען דארט ביי די נענועים?. און טאמער ס'איז נישט גענוג קומט נאכדעם א הקפה, מ'גייט ארום און ארום די תיבה, מען נעמט מיט די תורה. דאס איז די הקפה, און ס'ידוע אז דאס איז נאך א גרעסערע ענין פון שמחה. א אבל טאר נישט גיין הושענא רבא ביי די הקפות (עיי' רמ"א או"ח תרס, ג). ווייל ס'איז נאך העכער די שמחה, וואס טועהט מען דארט? און וואס איז באמת די גרויסע שמחה פון די נענועים? און נאך די גרעסערע שמחה פון די הקפות?

דאס צונעמען איינס איינס, די ערשטע זאך, אלע ווייסן די גמרא (סוכה לז, ב) אז די נענועים שטעלן אפ רוחות וטללים רעים - ווי אזוי שטעלט עס דאס אפ? פארוואס זאל זיך אפשטעלן אלע שלעכטע זאכן? וואס האט די כוח פון דעם לולב?

און נאך א זאך וואס אלע ווייסן אז ווען מ'שאקלט דעם לולב אויף יעדע זייט, איז מען ממליך דעם אויבערשטער אויף אלע זייטן, אז ער איז דער איינציגער באשעפער, און ער איז מחיה די גאנצע בריאה.

און נאך א זאך, באוואוסט, וואס דער בעל התניא איז מבאר אז די ד' מינים איז מרמז אויף 'אחד' - מ'וועט דאס זאגן אין איין ווארט - ווייל די לולב, די טאפלטע בלעטלאך האלטן דאס צוזאמען גענומען. דער אתרוג נעמט צוזאמען אלע עונות השנה, נעמט ער צוזאם די גאנצע יאהר אויף זיך. דער הדס האט דריי בלעטלאך וואס קומט ארויס פון איין שורש אויפן שטעקן, ס'דעקט צו די גאנצע. ערבות רופט מעט אין גמרא "אחוונא" (עיי' שבת כ, א) ווייל ס'איז באחווה, ס'איז צוזאמען.

דער אויבערשטער וואס ער איז "אחד" טוט מען דא מגלה זיין. נעמט מען די אלע חפצים, די ד' מינים, און מ'רופט אויס, וואס דאס איז מרמז אויף אחד - אז דער אויבערשטער איז דער איינציגער אויף אלע זייטן. אלע זייטן איז מאחד דעם אויבערשטער.

### ה' מלך - און דער עיקר אויף זיך אליין

אבער, אלע ווייסן אז ווען מ'שאקלט די נענועים ברענגט מען צוריק די ד' מינים לעבן די הארץ. וואס ברענגט מען לעבן די הארץ? דער הסבר איז זייער פשוט, וואס אלע ווייסן די באוואוסטע מעשה, מ'איז צוגעגאנגען צו א איד וואס האט געליינט קריאת שמע בכוונה, ער האט געזאגט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" און ער האט געדענקט אלע רוחות פון די גאנצע וועלט. האט אים א איד געזאגט 'האס'ט פונקט יעצט פארגעסן צו ממליך זיין דעם אויבערשטער.

דער איד, ווען ער מאכט נענועים, ער איז ממליך דעם אויבערשטער אויף אלע פלעצער, אויף די גאנצע בריאה. אבער ער טאר נישט פארגעסן, אז די אלע זאכן דארף צוריק אריינקומען צו אים אין הארץ! און ממליך זיין דעם אויבערשטער אין זיין הארץ! דאס צוריק ברענגען.

### ממלא כל עלמין

יעצט וועט איר פארשטיין וואס איז די גרויסע שמחה פון דער ענין פון די נענועים. ווען מען רעדט מיט א מענטש, וואס א מענטש איז ממליך דעם אויבערשטער אויף די גאנצע וועלט, און אין די וועלט, אין די בריאה - אין אלע זאכן וואס ער זעהט און פארשטייט, אין אלע הרגשים.

ס'איז טאקע ממלא די וועלט, ס'איז דא אזא זאך, "ממלא כל עלמין", דער מילוי פון די וועלט באקומט ער א גרויסע שמחה, ווייל ער איז מקשר די גאנצע וועלט צום מקור - פון זיך אליין, פארשטייט זיך. צום דעם שפע - די מקור פון ווי ס'ווערט נשפע די גאנצע בריאה. דאס איז די סיבה, פארוואס ס'ברענגט די שמחה - די נענועים.

אבער, חוץ פון די זאך וואס רופט זיך אין די וועלט, איז דא אזא זאך וואס רופט זיך "מסובב כל עלמין", וואס הייסט "מסובב כל עלמין"? דאס איז א זאך וואס א מענטש פארשטייט נישט. - אמאל איז דאס זאכן וואס איז רחמנא ליצלן נישט קיין גוטע זאכן, אמאל איז דאס גוטע זאכן - אבער ער האט נישט קיין השגה וואס איז די סיבה. - מ'רופט דעם אויבערשטער "עילת העילות וסיבת הסיבות". מ'פרעגט א מענטש: 'פארוואס האסטו דאס געטועהן'? זאגט ער 'איך האב א סיבה' - אמאל קען ער דאס מסביר זיין, וועט דאס ווערן א הבנה. אמאל האט ער א סיבה, אבער ער קען דאס נישט מסביר זיין. סיבה איז א לשון סובב, מ'איז דאס נישט משיג.

### וסובב כל עלמין

נאך ווען א איד האט שוין ממליך געווען אין דעם "ממלא כל עלמין" - אין די וועלט, אין זיין הנהגה - דעם אויבערשטער. זאגט ער: 'יא! זייער גוט, יעצט גייט מען נעמען די ד' מינים און אויסרופן אז ס'איז "סובב כל עלמין" - זאכן וואס איך פארשטיי נישט! מיין שכל קען דאס נישט דערגרייכן. דאס איז אויכעט דעם אויבערשטער אליין - רחמנא ליצלן שלעכטע זאכן, און גוטע זאכן, אלע הנהגות, אלע עולמות.

מ'וועט רופן אלע השגחות פרטיות, "כי אותו סבה מאת ה'". אלע ווייסן אז ס'איז דא דער ענין פון השגחה פרטית דער שיעור פון "כי אותו סבה מאת ה'". וואס איז דאס "סבה מאת ה'" סבה הייסט א לשון סובב, ער איז "סובב כל עולמין". מ'פארשטייט? מ'פארשטייט נישט? יא סובב.

### ומלכותו בכל משלה

יעצט וועט מען פארשטיין פארוואס איז די שמחה גרעסער? ווייל א איד איז ממליך אין די בריאה - איז דאס איין דרגה פון ממליך זיין דעם אויבערשטער. אבער, ער גייט און ער איז

ממליך דעם אויבערשטער אויף זאכן וואס ער פארשטייט נישט, אויף זיינע אלע פראבלעמען, אויף "מסובב כל עלמין". ממילא איז דאס אסאך א גרעסערע דרגה - וואס מ'קומט צו בשעת די הקפות. דאס הייסט מקיף זיין די בימה. און מ'איז מקיף די בימה, וואס דארט האבן אונז די תורה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן און די וועלט הנהגה פון בימה.

און מ'רופט אויס אז נאך אלע זאכן איז דא דער ענין פון "עילת העילות וסיבת הסיבות".

דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל באמת לעבן אין דעם!

# שמחת יו"ט - די הכנה דערצו

אלע וייסן, יו"ט איז דא א מצוה "ושמחת בחגך" - שמחה. מ'וועט רעדן א ביסל וועגן דעם ענין פון שמחה. מ'וועט נישט אנרירן, וואס דאס האט א חלק פון דעם קרבן חגיגה, עולה רגל זיין, בשר ויין, בגדים. די אלע זאכן ארום און ארום, וואס דאס ברענגט צו צו די שמחה.

אבער מ'וועט רעדן א צווייטע נקודה אינגאנצן, א יסוד וואס מ'דארף אריין נעמען אין קאפ, און ס'איז זייער וויכטיג צו וויסן. אזוי ווי מ'פארשטייט, אז ווען מ'וויל זיך צוגרייטן צום סוכות - און מ'דארף חפצא מצוה, מ'דארף א לולב, מ'דארף א סוכה, מ'דארף סעודות יו"ט, יעדער זאך דארף מען צוגרייטן פאר יו"ט.

### די הכנה צו שמחה יש מאין

מ'קען נישט קומען צום יו"ט, אן דאס צוגרייטן. פשוט, צו צוגרייטן. אזוי ווי "מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת" (עבודה זרה ג, א), מ'מוז צוגרייטן די אלע חפצי מצוה, די זעלבע זאך - מצוות שמחה דארף מען צוגרייטן.

מ'קען נישט אינמיטן א מינוט זאגן: 'יעצט בין איך בשמחה', ווי אזוי? וואס? ס'איז א דבר שבלב, מ'קען דאס נישט באקומען אזוי גרינג. נאך מער, ס'איז דא א גרויסער הבדל: חפצי מצוה - קען איך צוגיין צו א שכן, ער גיט מיר ד' מינים, 'מתנה על מנת להחזיר' - און איך בין יוצא. ער לאזט מיר אריין אין זיין סוכה, אין איך האב מקיים געווען די מצוה. חפצים קען מען איבער געבן.

א מצוה שבדיבור - יענער קען מיר מוציא זיין מגילה, איך קען נישט ליינען אליין די מגילה, וועט מען מיר מוציא זיין.

א מצוה שבמעשה אדער בדיבור - קען מען מיר מוציא זיין.

לעומת זה, שמחה - א מצווה שבמחשבה, ברגש הלב, קען קיין איינער נישט מוציא זיין מיט די מצוות שמחה, און א מענטש קען מיר דאס אויכעט נישט געבן. מ'קען נישט געבן פאר יענעם שמחה! מ'קען דאס נישט לייען, נישט 'מתנה על מנת להחזיר', ס'איז נישט דא!

קומט אויס, אז ס'איז נאך מער אנגעלייגט אויף א מענטש א חוב, צו צוגרייטן פאר יו"ט דער ענין פון שמחה.

א דריטע זאך, אלע מצוות מעשיות איז א בחינה פון יש מיש. איך נעם געלט - איך קויף א לולב, איך נעם געלט - איך קויף א סוכה, העלצער און מען בויעט 'פסולת גורן ויקב' - איך דארף נעמען א זאך וואס ס'איז דא, און מאכן מיט דעם די מצוה.

נאך מער, אפילו נישט א מצוה מעשית, נאר בדיבור, ב"ה, די אויבערשטער גיט מיר א מתנה, איך קען רעדן, איך קען ליינען, איך נעם א מגילה און איך ליין. מצוות שבדיבור, צו לערנען תורה, א.א.וו. און וויטער. יעדער זאך - ס'גייט אריין אין א גדר פון יש מיש.

אבער, מצוות שמחה, איז א בחינה פון פאברעצירן א זאך! מ'דארף באשאפן א זאך, ס'דארף געבוירן ווערן אין מיין הארץ. א נקודה, א מידה, דערוועקן אין מיין הארץ א זאך וואס איך האב דאס נישט, און איך נעם דאס נישט פון ערגעץ אנדערש! ס'איז דער טייטש, איך דארף עפעס פאברעצירן אין מיר.

קומט אויס, די ערשטע יסוד וואס מ'וויל דא צוקומען איז, אז מ'קען נישט קומען צום יו"ט, און מקיים זיין מצוות שמחה. ווי דער גאון זאגט, אז דאס איז די שווערסטע מצווה. קוקן קוקט דאס אויס אז ס'איז די שווערסטע מצווה ווייל ס'איז יעדע מינוט פון א גאנץ יו"ט, יעדע סקונדע.

### גלייך ביי די שקיעה - א מצוה פון שמחה

איך וועל נישט פארגעסן, איינער איז געגאנגען פרייטיג, ערב יו"ט פאר די שקיעה, איז ער געגאנגען אין מקווה, און ביי די שקיעה, פרעגט ער: 'ס'איז שוין די שקיעה, ס'איז נישט די שקיעה?' פרעגט עם יענער: 'וואס אינטערעסירט דיר יעצט די שקיעה, ווען דו גייסט דא אריין אין מקווה? דו גייסט נישט זיצן אין סוכה' גייסט נישט מקיים זיין עפעס א מצווה. זאגט ער אים 'וואס הייסט, א דאורייתא, נאך די שקיעה, איז אפילו איך שטיי אין די וואסער, און קיין קליידער, אבער איך בין אין וואסער, האב איך א מצוות שמחה! חוץ וואס איך האב א חיוב פון 'חייב אדם לטהר את עצמו ברגל' (ראש השנה טז, ב) איך טובל זיך, האב איך נאך א מצוה. איך דארף זיין בשמחה!

ס'איז זייער ריכטיג, אבער מ'מוז זיך באמת צוגרייטן צו שמחה.

### וואס איז די שמחה?

וואס איז די שמחה? ווי אזוי מ'גרייט זיך צו שמחה? ס'איז נאך א שיעור. אבער קודם דארף מען וויסן, אז דו וועסט דאס זיכן, וועלסטו וועלן וויסן, וואו אזוי מ'באקומט שמחה. איז ווען ס'וועט קומען יו"ט מיטאג, וועסטו שוין וויסן צו קענען לעבן מיט שמחה.

וועגן דעם, אז אונז זענען צוגעוואוינט, אז דער אר"י הק', האט געזאגט אז זיינע אלע מדרגות האט ער באקומען פון שמחה של מצווה.

אבער אפילו להבדיל, שמחים ביסורים, קיין איד זאל נישט האבן יסורים, אבער די גמרא (שבת פח, ב) רופט דאס "ואוהביו כצאת השמש בגבורתו" (שופטים ה, לא) - שמחים ביסורים. זיי זענען די 'אוהביו', פארוואס? ווייל זיי זענען אוהבי ה'. זיי וויסן איין זאך, די יסורים מיט די מצווה ברענגט זיי צום א קשר מיט די אויבערשטן, 'אה! איך האב זיך יעצט געטראפן מיטן באשעפער', מיט גוטן צו - ח"ו - פאקערט. אבער איך האב שייכות צו אים, ווייל דאס באדערט מיר, און עם זיך איך נאכאנאנד - האב איך שמחה דארך די מצוה. האב איך א שמחה צו ח"ו יסורים, ווייל איך טרעפט זיך נאכאנאנד מיטן אויבערשטער.

דאס איז איינע פון די זאכן וואס א איד האט יו"ט - ער טרעפט זיך מיטן אויבערשטן דעם טאג, ווייל דעם טאג טרעפט ער זיך מיטן באשעפער. נארמאל, האט ער שמחה, צו לולב. לולב איז צו מעורר זיין שמחה, ווי ס'שטייט אין ראשונים. אויכעט שמחה, צו מצוות סוכה "הביאני המלך חדריו" (שה"ש א, ד), ער האט מורא'דיגע נקודת שמחה - דו האסט זיך היינט געטראפן מיט דעם באשעפער אויף א מורא'דיגע אופן.

יעצט דארף מען נאר טרעפן, ווי אזוי די גאנצע טאג, און די גאנצע צייט פון יו"ט, און באמת דער גאנצער לעבן פון מענטש - וואס ס'איז נישט א מענטש, ס'איז נאר א איד, נישט א גוי. דער לעבן פון א איד איז אזא סארט זאך, וואס אין די סקונדע וואס ער לעבט ריכטיג מיטן אויבערשטן איז דאס אזא שמחה של מצווה, א שמחה של יצירה, ס'איז א פנימית'דיגע שמחה, נישט די מצווה איז די זאך, נאר זיך טרעפן מיט דעם אויבערשטער איז די זאך!

### א תנאי צו שמחה?

וועט קומען א איד און זאגן: אז דו ביסט מרחיק מענטשן פון שמחה' ווייל ס'קומט אויס אז מיט דעם וואס איך לייג צו א תנאי, אז א איד וויל יו"ט מיטאג זיין בשמחה דארף ער זיך צוגרייטן - אזוי ווי מ'האט מסביר געווען, דעם סוכה מיט די לולב, און ס'איז דאך אסאך שווערער - דברים שבלב.

וועגן דעם דארף מען טאקע קלאר מאכן די נושא פון שמחה. און מ'דארף וויסן אז שמחה האט זייער אסאך סארטן טרעפלעך. אזוי ווי מ'וועט קענען פארשטיין - א צוויבל האט די אינעוועודיגסטע חלק, און ס'האט אסאך שאלאכץ דארט. די זעלבע זאך - ס'האט אסאך אסאך חלקים אין שמחה.

### 'בעסער א פאלשע שמייכל ווי א אמתע טרער'...

ס'איז דא די פנימיות פון די שמחה, ס'איז דא מער חצוניות און חצוניות שבחצוניות.

און די וועלט זאגט: 'אז מ'מאכט זיך ווערט מען'. אזוי ווי און די משנה שטייט (סוף פאה), א מענטש ווען ער מאכט זיך קומט ער אן צו דעם. איז אין שמחה - א מענטש קען מאכן א חצוניות'דיגע שמחה, און מען דארף דאס מאכן. אין די נקודה וואס אונז ווייסן די באוואוסטע יסוד וואס די גאנצע וועלט ווייסט: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד" - איז האט עס באמת אסאך דרגות וואס יעדער איינער אין זיין מצב, אין זיין צייט.

א מאהל דארף מען מאכן א חצוניות'דיגע שמחה. ווי אזוי זאגט מען: 'בעסער א פאלשע שמייכל ווי א אמתע טרער'. בעסער א פאלשע שמחה ווי אמת'דיג קרעכצען. מ'רעדט נישט וועגן קרעכצ'ען ווען א מענטש טועהט תשובה, איך רעד נישט אויף דער ענין פון קרעכצען פון תשובה, איך רעד אויף די וועלט. א איד "צהלתו על פניו", וואס איז איינער פון די יסודות פון עבודת ה'.

ממילא, אז מ'רעדט פון שמחה, מיינט מען נישט אז מ'קען נישט דערגרייכן צו שמחה, א ודאי, א איד קען יעדע מינוט זיך אריינברענגען אין די מצווה פון "מצווה גדולה להיות בשמחה תמיד". די נקודה פון פנימיות א שמחה פון יו"ט - ווי מער דו וועסט ארבעטן אויף דעם יסוד פון שמחה, ווי מער דו וועסט זיך באמת פרייען, אז יעצט איז די צייט וואס דו קענסט זיין דבוק אין אויבערשטער, דו קענסט האבן שייכות צום אויבערשטער - דאס זוכסטע, און דו האסט דאס געטראפן. איז א ודאי וועסטו באקומען די פנימיות'דיגע שמחה.

אבער ח"ו א איד וועט זאגן: 'שוין, איך האב נישט די פנימיות'דיגע שמחה, איז וואס? איז דאס דאורייתא? איז מיין "ושמחת בחגך" געווארן קלענער?' - האב איך א קלענערע דרגה אין "ושמחת בחגך"! האב איך א חצוניות'דיגע דרגה אין "ושמחת בחגך". אבער פארשטייט זיך - מה דאך א גאנץ יאהר דארף מען זיין בשמחה, ווען ס'קומט יו"ט, אלע פעולות דארף מען טועהן וועגן שמחה, מיט דעם פארשטייט מען "אין שמחה אלא בבשר ויין", (פסחים קט, א) אדער ביי די רמב"ם (רמב"ם יום טוב ו, יח) שטייט וועגן קויפן בגדים - די אלע זאכן איז א ביסל א נקודה פון חצוניות'דיגע שמחה וואס וועט ברענגען די פנימיות'דיגע שמחה!

אבער, ח"ו א איד וועט זאגן 'איך האב נישט צוגעגרייט שמחה, בין איך פטור' - דאס איז זיכער אז נישט, ווייל א גאנץ יאהר גרייט מען צו שמחה, און יו"ט נאך מער.

היוצא מדברינו, דער עיקר וואס איך וויל דא צולייגן קאפ, איז ווען א גאנץ יאהר, און בעסער געזאגט, פאר יו"ט וועט איר קאכן, און אריינבאקן, און צוגרייטן, אז היינט וועסטו זיין בשמחה. צו ס'איז אמאל מיט מצווה צו שמחת היהדות. דער "ברוך אתה ה' אוהב ישראל", "הבוחר בעמו ישראל באהבה" א.ד.ג.. און ווען ס'וועט קומען יו"ט, וועט איר קענען האבן שייכות צו שמחה.

דער אויבערשטער זאל העלפן, און מ'זאל באמת מקיים זיין די "מצווה גדולה להיות בשמחה תמיד". און דעם טאג איז דאך אויכעט דעם יו"ט. נאר בכפלי כפליים, יו"ט וועט ער האבן די אמת'ע כלים מיט אמת'ע הערות, פון שמחה האט נישט קיין גבול.

ווייל, היות שמחה איז א נקודת דבקות אין ה', און דבקות קומט אן ביז נבואה, און ווי די רמב"ם זאגט אז דאס איז אויכעט אז פון גרויס שמחה פון אויבערשטער, און רוב דבקות מיט שמחה קומט מען דארט אן, און ווי אונז ווייסן אז באמת "עוז וחדוה במקומו". און כלפי שמיא, כביכול בהקב"ה איז נאר א נקודת שמחה. דאס איז דער שיא, וואס ס'וועט מבואר און די זוה"ק און אין אלע ספרים הקדושים.

אבער פשוט אין יסוד, מ'וועט זיך צוגרייטן מיט שמחה, וועט מען דערגרייכן נאך מדרגות און נאך מדרגות, און האבן די דבקות אין אויבערשטער.

## שמחת תורה

בסייעתא דשמיא וועט מען מברר זיין די נקודה פון 'שמחת תורה'.

אונז פראוען א גרויסע טאג, אין חו"ל איז דא שמיני עצרת און עקסטער שמחת תורה. דא אין א"י, איז אין די שמיני עצרת גייט אריין שמחת תורה. וואס קומט דא פאר? די תורה הקדושה ווערט בכלל נישט דערמאנט, דער ענין פון שמחת תורה. און א ודאי נישט דער מנהג פון הקפות וואס דאס איז אסאך שפעטער. וואס איז אונזערע גרויסע שמחה?

### תכלית פון די הייליגע טעג: "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד!"

און ס'איז ידוע פון אלע חסידישע ספרים אז שמחת תורה איז די תכלית פון די גאנצע ימים נוראים. דער "המלך" פון ר"ה, מיט די גאנצע מהלך און די גאנצע וועג, איז צו צוקומען צו די גרויסע טאג וואס מ'רופט אויס: "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו".

[דרך אגב, "אתה" מיינט דער מענטש. מענטשן האבן א טעות - מ'מיינט "אתה הראת" - מ'זאגט פאר'ן אויבערשטער - "אתה הראת לדעת", נישט דאס איז די טייטש. די טייטש אין פסוק נארמאל: ס'איז טוט זיך אין ראשונים ארום דעם "אתה", אבער פשוט פשט אין "אתה הראת לדעת" - דער אויבערשטער זאגט פאר די איד: 'דו האסט, דאך געזען, און אנערקענט אז דער אויבערשטער איז אלעס!']

וואס איז באמת די גרויסע השגה? די גרויסע שמחת תורה? צו ווי דערגרייכט מען? וואס איז דאס מער פון ימים טובים פון פאר דעם?

נאך מער, אונז טרעפן אין גמרא (סוכה נה, ב) עשו לי סעודה קטנה, דער מושג מיט א יחוד - יחוד קודשא בריך הוא מיט כלל ישראל. ס'איז איין קרבן, ס'איז "ביני ובין בני ישראל". אזא אהבה צווישן דעם אויבערשטער מיט די איד, קום אריין - "הביאני המלך חדריו" - דאס איז סוכות. און שמחת תורה איז דער "אתה הראת לדעת" פון דעם - נאר איך מיט דיר. די גאנצע יו"ט איז די 07 קרבנות וועגן די 07 אומות. ס'איז נישט דא קיין אומות ס'איז נישט דא גארנישט. איך מיט דיר אליין! א גרויסע שמחה! וואס קומט דא פאר?

### די שמחה פון ענדיגן די תורה און פון די הקפות

און וואס איז די שמחה פון סיום התורה? וואס איז די הקפות? וואס טועהן אונז אין דעם שמחת תורה?

די תשובה איז זייער פשוט און געשמאק: ס'איז א גרויסע שמחה, א טאג וואס אונז ענדיגן די תורה, מ'מאכט א סיום פון קריאת התורה, מ'איז אנגעקומען צו שלימות פון לערנען די גאנצע תורה. און מקבל זיין אויף אונז די תורה הקדושה, ס'איז געקומען צו אונז.

און וואס איז דאס תורה? די תורה וואס אונז האבן יעצט בשלימות געענדיקט, דאס איז א לערנונג פאר אונז ווי אזוי זיך צו פירן. דינים, מיט הלכות, ווי אזוי דארף א איד זיך פירן: חוקים ומשפטים. און מיט דעם איז זיך מבטא, גיט זיך ארויס, ווערט ערקלערט, די אחדות פון אויבערשטער און די חכמה פון אויבערשטער אין

די הלכות פון די וועלט, און אין יעדע הנהגה טובה. זעט מען אז, אורח חיים, חושן משפט, יורה דעה - לערנט לערנט מען זייך האס ווי אזוי זיך צו פירן.

יעצט, די טאג, וואס אונז זענען צוגעקומען צו די שלימות, איז א גרויסע שמחה, דאס איז די שמחת תורה. אבער וועגן וואס מאכט מען הקפות?

מ'האט שוין געהאט מברר געווען די ענין פון הקפות, און דער ענין פון הושענות, מיט ד' מינים. און מ'וועט דאס בקיצור מסביר זיין, ידוע, ס'איז דא די הנהגה פון אויבערשטער וואס רופט זיך: "ממלא כל עלמין". די גאנצע תורה איז ההוראה ווי אזוי אין די וועלט וועט מען זיך פירן, ווי אזוי א איד זאל מקיים זיין תורה ומצוות. ווי אזוי נעמט ער זיין גאנצע גשמיות, זיין מחשבה, דיבור ומעשה, זיין שכל, זיין חכמה, זיינ'ע הרגשים, אלעס - ווי אזוי נעמט ער אין די וועלט, און ער איז ממליך דעם אויבערשטער, אויף די גאנצע וועלט.

אבער, ס'איז דא נאך א זאך, ס'רופט זיך סודות, זאכן וואס די מענטש פארשטייט נישט, ער איז נישט משיג אין די וועלט, ער איז נישט משיג די חכמה פון די וועלט - זאכן וואס א מענטש האט נישט השגה אין דעם. רחמנא לצלן, צו ס'איז צרות, צו ס'איז אנדערע סארטן זאכן, ס'איז נישט אין די השגה, ס'איז הנהגות הבורא. מ'קען דאס נישט פארשטיין. ס'איז דא זאכן וואס מ'זעהט נישט, דער דעת דערגרייכט דאס נישט. ס'איז א סובב'דיגע זאך, א אמונה'דיגע זאך. אמונה איז א זאך וואס ס'איז סובב - ס'איז ארום און ארום. ס'איז א מלבוש, ס'איז מקיף די גאנצע זאך.

נעמט מען די תורה, אין דעם טאג, און אונז האבן געענדיקט לערנען כל התורה כולו, אונז האבן באקומען די כלים פון די תורה, און די גרויס'קייט פון די תורה, ס'איז געווארן אונזערע מתנה. מ'רופט אויס - ניין! איך מאך א הקפות, ס'איז סובב. דאס איז דער טייטש, איך בין נישט משיג די קדושת התורה, ס'איז נאך אסאך העכער.

נאר איך גלייב מיט אמונה שלימה אז די תורה איז נאך אסאך חשוב'ער, און אסאך הייליגער, און אסאך מער, און אונז זענען נישט משיג חכמתו של הקב"ה. און מ'מאכט א בחינה פון הקפות, און מ'רופט אויס אז ס'איז אסאך העכער! און וועגן דעם, שמחת תורה איז די גרעסטער, די שפיץ פון די שמחה. אזוי ווי מ'האט פארשטאנען אז די הקפות מיט'ן לולב איז מער ווי די נענועים. די נענועים איז די פנימיות פון די וועלט, און די הקפות איז דער סובב.

נעמט מען שוין יעצט די תורה הקדושה, וואס דאס איז "חלק אלוק ממעל" - וו מ'רופט דאס. דאס איז חכמתו כביכול "אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד" (זוה"ק ח"ג עג, א) - ס'איז דאך די גרעסטע, העכסטע זאך וואס אינז האבן באקומען. און איך בין משיג, און איך האב געענדיקט די כל התורה כולה. און מ'רופט דאס אויס, אז אף על פי כן בין איך דאס נישט משיג און איך גלייב אז דאס איז נישט - די גרויסקייט פון די תורה. ס'איז א גרויסע שמחה פון א איד! ער דערגרייכט א גרעסערע מדרגה אין אמונה - אמונה אין די תורה, דבקות אין די תורה, נישט נאר די "תלמוד תורה כנגד כולם" אין לערנען. ער איז משיג אז די תורה איז אסאך אסאך גרעסער. ס'איז אסאך מער פון וואס מ'דערגרייכט.

## *לעיני כל ישראל - בראשית*

וועגן דעם, וועט מען זעהן במידה מסוימת, א פאקערטע זאך, גלייך ווען מ'ענדיקט לערנען אין די תורה - הייבט מען אן בראשית. שוין, פריי זיך אז דו האסט זייער גוט געענדיקט, און נאך מער. מ'האט אויסגערופן אז מ'איז מקיף מיט די תורה די גאנצע.

נאר פאקערט - פון איין זייט רוף איך אן: 'ס'איז מורא'דיג, ס'איז הקפות'. און איך הייב אן נאכאמאל פון בראשית, די זעלבע תורה, די זעלבע - אין די פשוט'ע השגות, ווי אונז שטיין, מ'הייבט אן ווייטער חזר'ן די דינים, אזוי ווי ס'איז און אזוי ווי איך האב עס געזען, אפילו ס'איז אזוי הויעך בלייבן אונז און אונז גיין ווייטער, און אונז פרייען זיך מיט התחלת התורה. ס'איז דא א חתן תורה און ס'איז דא א חתן בראשית - און ס'איז א גרויסע שמחה.

מ'פרייט זיך, וואס איז? התחלת התורה, ס'איז א נייע התחדשות. און וואס גייט זיין? מ'איז טאקע נישט משיג די גרויסע השגות - איך גיי חזר'ן די פסוקים אזוי ווי ס'שטייט, דער שולחן ערוך אזוי ווי ס'שטייט. א וודאי אז דער אויבערשטער וועט מיר מאיר זיין, די תורה איז א מתנה! ס'איז א סוגיה פון מתן תורה, פון "יגעת ומצאת" - ס'איז דא פון איין זייט א יגיעה, די מציאה איז דער מתן תורה וואס דער אויבערשטער געבט פאר'ן איד א מתנה.

אבער, מ'גייט צוריק און מ'הייבט אן ווייטער, מיט א פשוט'ע אמונה אין די תורה, מיט א גלאטקייט אין הבנת התורה. און דאס איז די גרויסקייט פון די גרויסע "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו". די גרויסע מדרגות, וואס מ'ברענגט אונז צוריק אראפ אין די: בראשית, די אורח חיים, די חושן משפט, מיט די יורה דעה, מיט'ן אבן העזר - מ'ברענגט דאס צוריק אראפ און מ'הייבט אן נאכאמאל.

## *זיך מיטפרייען מיט די אחדות פון דעם אויבערשטער מיט די אידן און די תורה*

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, זאל באמת היינט האבן די שמחת התורה, פון די קבלת התורה, פון ענדיגן די תורה. און די זעלבע זאך פון שמחת התורה, פון די התחלת התורה, ס'איז א התחדשות אנהייבן נאכאמאל בראשית, און נאכאמאל לעבן אין דעם אחדות פון אויבערשטער וואס ס'איז דא אין דעם חלק התורה שבו!

**מערכת "טעמו וראו" ווינטשט די פולע ליינערס און פאר גאנץ כלל ישראל**

**א פרייליכ'ן יו"ט און א פרייליכ'ן יאר!**

---

**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**